בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת וישב תשפ"ב**

**גליון 625 [שנה י"ג]**

**יעקב האט געמוזט גיין קיין מצרים**

אֵלֶּה תֹּלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף: (לז ב) רש"י שרייבט אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ: אז דער עיקר תולדות פון צדיקים זענען זייערע מעשים טובים. קען מען דא זאגן, דער עיקר תולדות פון יעקב איז געווען אז יוסף זאל אראפגיין קיין מצרים כדי די אידן זאלן באקומען די תורה, אזוי ווי דוד המלך זאגט לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף (תהלים ק"ה יז) און דאס איז געווען א טובה פאר יעקב, ווי די גמ' זאגט (שבת דף פט ע"ב) ראוי היה יעקב אבינו לירד למצרים בשלשלאות של ברזל ובקולרין ועשה הקב"ה כמה עלילות כדי שירד שם, ווייל עֲצַת ה' לְעוֹלָם תַּעֲמֹד מַחְשְׁבוֹת לִבּוֹ לְדֹר וָדֹר. (שמח זבולון תשפ"ב)

**וואס מיינט מעשה נערות?**

וְהוּא נַעַר אֶת בְּנֵי בִלְהָה וְאֶת בְּנֵי זִלְפָּה נְשֵׁי אָבִיו: (לז ב) זאגט רש"י וְהוּא נַעַר. שֶׁהָיָה עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה נַעֲרוּת, אלע פרעגן אויף יוסף הצדיק אז ער האט געטאן מַעֲשֵׂה נַעֲרוּת? נאר דער מסילת ישרים שרייבט כסדר אז דער יצה"ר ארבעט אויפן מענטש צו זיין פויל, און אזוי כאפט ער אים אריין און עס שטייט אָמַר עָצֵל שַׁחַל, – א גרויסע לייב– בַּדָּרֶךְ, אֲרִי –א קליינע לייב– בֵּין הָרְחֹבוֹת: און די עצה איז אז מען דארף זיין פריש און נישט זיין נאך געלאזט, דאס איז געווען די מעשה נערות, ער איז נישט געווען פויל, נאר פריש. מיט דעם קען מען טייטשן וְיִשְׂרָאֵל אָהַב אֶת יוֹסֵף וגו' כִּי בֶן זְקֻנִים הוּא לוֹ: יעקב האט געזען אין יוסף אז ער איז פריש און פלינק, און אז ער וועט אזוי זיין אפילו ווען ער וועט זיין זקונים, עלטער, און וועט זיך נישט נאכלאזן, אזוי ווי מען דערציילט אז ביי הרה"ק רבי מאיר מפרעמישלאן זי"ע, איז געווען זיין שטייגער ווען א מענטש האט געזוכט עפעס א שליחות, האט ער זיך אנגערופן אז ער האט א נער, א יונגער מענטש, וואס וועט ערליידיגן דעם שליחות, מיט די צייט האט מען מחליט געווען אז מען וויל דערגיין ווער איז דער שליח פון ר' מאיר'ל? און מען האט געזען אז ר' מאיר'ל אליין טוט די אלע שליחות'ן! האט מען אים געפרעגט: היתכן, איר זענט דאך עלטער, און איר האט געזאגט אז איר האט א יונגער מענטש א שליח? האט ר' מאיר'ל געענטפערט, איך בין נאך געבליבן א נער, יונג און פריש, ווען מען דארף טאן א מצוה, דאס איז געווען די מעשה נערות פון יוסף. דארף מען זיך אפלערנען אז מען דארף זיך שטארקן כסדר און זיין פריש און יונג, און אזוי קען מען גיין העכער אין עבודת ה', און אז מען איז פריש, קען מען זיך מתגבר זיין אויפן יצה"ר, אבער ליידער זעהט מען גאר יונגע מענטשן וואס זאגן זיי האבן שוין נישט קיין כח און מען ווערט נאכגעלאזן, אבער דער הייליגער בית אהרן שרייבט "מיט א ביסעלע פרישקייט קען מען אלעס אריבער"! ולענ"ד דאס זאגט דוד המלך אויב דו ווילסט שטייגן אפילו ווען עוֹד יְנוּבוּן, שפראצן און שטייגן, בְּשֵׂיבָה, ווען דו ביזט שוין אלט, דְּשֵׁנִים וְרַעֲנַנִּים יִהְיוּ, זאלסטו זיין דעמאלטס פריש און נישט נאך געלאזן. (שמח זבולון תשפ"ב)

**הכרת הטוב פאר בעלי חיים אויך**

לֶךְ נָא רְאֵה אֶת שְׁלוֹם אַחֶיךָ וְאֶת שְׁלוֹם הַצֹּאן: (לז יד) דער ענין פארוואס האט יעקב געבעטן צו וויסן שְׁלוֹם אַחֶיךָ און אויך שְׁלוֹם הַצֹּאן? זאגט הגאון ר' חיים שמולעוויץ, אז יעקב האט געלערנט פאר יוסף אז מען דארף ווייזן הכרת הטוב פאר אזאך וואס מען האט פון דעם הנאה, און יוסף האט הנאה געהאט פון צאן, דעריבער שטייט שְׁלוֹם הַצֹּאן.

**פארוואס האט ראובן יעצט מורא געהאט?**

וַיָּשָׁב רְאוּבֵן אֶל הַבּוֹר וְהִנֵּה אֵין יוֹסֵף בַּבּוֹר וגו' וַיָּשָׁב אֶל אֶחָיו וַיֹּאמַר הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא: (לז ל) עס איז באוואוסט דער מדרש פליאה וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא בְּמַעֲשֵׂה בִלְהָה, וואס איז דא די שייכות צו מַעֲשֵׂה בִלְהָה, אסאך פשטים זענען דא, און מען קען אויך זאגן, ווייל לכאורה איז דאך יוסף געווען פערצן יאר אלט, אויב אזוי פארוואס רופט אים אן ראובן: "הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ"? נאר מיר ווייסן אז בי"ד של מעלה גיט נישט קיין עונש פאר די צוואנציג יאר, און דער טעם איז ווייל ביז צוואנציג יאר, הייסט מען נאך נישט א **בר דעת**, און טאקע וועגן דעם אויב א מענטש וואס איז נישט א **בר דעת** זינדיגט, באקומט ער נישט קיין עונש פון בי"ד של מעלה, און אזוי שטייט אין די גמ' (קידושין דף מ"ג ע"א) וואס דרשענט וְנִכְרְתָה הָאִישׁ הַהוּא (ויקרא יז ד) "**הוא ולא אנוס, הוא ולא שוגג, הוא ולא מוטעה**," די אלע באקומען נישט קיין עונש, יעצט ראובן האט געהאלטן אז ער האט נישט געטאן א עבירה, ווייל ער געווען צוטומולט, און אן דעת, און אנגענומען פארן כבוד פון זיין מאמע, ממילא קומט אים נישט קיין עונש, אבער יעצט האט ער געזען אז יוסף וואס איז א ילד און נישט א **בר דעת**, האט באקומען א עונש, אויב אזוי וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא בְּמַעֲשֵׂה בִלְהָה, דארף איך טאקע תשובה טאן, און האט חרטה געהאט. (יד ישראל, ר' ישראל היימליך אב"ד באקא, אוהעל תרפ"ו)

**פארוואס האט יוסף געטראפן חן ביי זיין אדון?**

וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ וְכֹל אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה ה' מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ: וַיִּמְצָא יוֹסֵף חֵן בְּעֵינָיו: (לט ג) דוד המלך זאגט אַשְׁרֵי הָאִישׁ וגו' וּבְדֶרֶךְ חַטָּאִים לֹא עָמָד וגו' וְכֹל אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה יַצְלִיחַ: (תהלים א) דער וואס זינדיגט נישט, נאר ער איז דבוק בה' דער מענטש איז מצליח, און דאס זעהט מען דא וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ דער אדון האט געזען אז יוסף איז דבוק אין אויבערשטן, און דעריבער, וְכֹל אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה ה' מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ, איז יוסף מצליח, וועגן דעם איז געווען וַיִּמְצָא יוֹסֵף חֵן בְּעֵינָיו, יוסף האט געטראפן חן אין זיינע אויגן, בדרך פשט קען מען זאגן אז וועגן זיין עהרליכקייט וַיַּעֲזֹב כָּל אֲשֶׁר לוֹ בְּיַד יוֹסֵף, האט ער נישט וואס מורא צו האבן. בדרך דרש קען מען צושטעלן וואס מיר האבן געטייטשט ביי נח וואס שטייט וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה', לויט וואס דער הייליגער צדיק ר' **פינחס קאריצער** זיע"א זאגט, אז מען זעט ביי א קליין קינד אז אלעס וואס ער טוט האט דאס חן, און ווען א גרעסערער טוט דאס זעלבע קוקט עס אויס מאדנע! נאר א קינד וואס ער טוט איז דאס מיטן פולן אמת. און וואס מען טוט מיטן אמת האט חן. יעצט וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה', פארוואס? ווייל נֹחַ אִישׁ צַדִּיק, אבער נישט נאר א צדיק נאר אויך צַדִּיק תָּמִים, וואס ער איז געגאנגען מיטן אֱמֶת דעריבער האט ער געהאט חן. און פארוואס? ווייל אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ, ווייל דער אויבערשטער האט ליב א מענטש וואס גייט מיטן אמת, און דעריבער שטייט (משלי ג ד) וּמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹקִים וְאָדָם. א מענטש וואס טרעפט חן ביים אויבערשטן, ווייל ער גייט מיטן אמת ממילא טרעפט ער אויך חן ביי מענטשן. ממילא דער אדון פון יוסף האט געזען אז יוסף איז מצליח, ווייל ער גייט נאר מיטן אויבערשטן, דעריבער וַיִּמְצָא יוֹסֵף חֵן בְּעֵינָיו: האט ער געטראפן חן, ווייל וּמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹקִים, ממילא איז אויך ביי וְאָדָם. (שמח זבולון תשפ"ב)

## מדור העובדות

## *****דער הייליגער חוזה מלובלין היילט אויס דעם רבין פון פשעווארסק פון דערווייטנס*****

דער הייליגער רבי משה הלוי סופר סת"ם מפשעווארסק זצוק"ל בעל מחבר ספר "אור פני משה" (י"ב טבת תקס"ו) איז געווען א תלמיד פון הייליגן רבי'ן רבי אלימלך זי"ע, און שפעטער האט ער געשיקט זיינע קינדער זיך אנווארעמען ביים הייליגן רבין דער חוזה מלובלין זי"ע. ר' משה איז געווען בטבע א שוואכער מענטש. און זיין געשטעל איז נישט געווען גרעסער ווי פון א קינד, פונדעסטוועגן איז ער געווען א געוואלדיגער עובד השם, וואס זיין עבודה איז געווען מיט אזא יגיעה וואס איז געווען העכער וואס א מענטש קען משיג זיין.

איינאמאל ווען ער האט געשיקט זיין זון ער זאל פארן אויף א שבת קיין לובלין צום חוזה. און ווען זיין זון איז אנגעקומען, האט אים דער חוזה מלובלין אויפגענומען מיט גרויס כבוד און האט אים גאר שטארק מקרב געווען, לכבוד זיין הייליגן טאטן דער אור פני משה. פרייטאג צו נאכטס, ווען דער זון איז אנגעקומען צום טיש, האט אים דער רבי פון לובלין גלייך ארויף גערופן און ארויס געוויזן גאר שטארק התקרבות, און ער האט אים באפוילן צו שטעלן א פלאש וויין ביים טיש פאר זיין טאטנס געזונט, אזוי אויך האט ער אים געהייסן אז נאכ'ן טיש זאל ער צוריק קומען צו אים און זאל מזכיר זיין דעם טאטן,

דער זון איז געווארן גאר שטארק באזארגט, ווער ווייסט וואס עס טוט'ס זיך ביי זיין טאטן יעצט אינדערהיים? ווייל ער האט געוואוסט אז דער חוזה מלובלין האט הייליגע אפענע אויגן און זעהט אלעם מיט זיין רוח הקודש, און אויב הייסט ער אים יעצט צוויי מאל מזכיר זיין דעם טאטן איז זיכער אז עפעס נישט גוט גייט פאר ביי זיין טאטן אין פשעווארסק.

און טאקע נאכ'ן טיש איז דער זון צוגעגאנגען צום רבי'ן פון לובלין און מזכיר געווען זיין טאטן מיטן מאמע'ס נאמען, אזוי ווי דער רבי האט אים געהייסן. דער רבי זאגט איבער דעם נאמען עטליכע מאהל און גייט אריין אין א שטארקע דביקות, און דער זון איז געווארן שטארק דערשראקן! אזוי האט דאס געדויערט אשטיק צייט, ווען דער חוזה האט זיך אויפגעכאפט פון דביקות, גיט ער א שמייכל און זאגט פארן זון: "דארפסט זיך נישט זארגן, דיין טאטע איז ברוך השם ארויס פון סכנה, און ער איז נאך נישט אינגאנצן געזונט, אבער ער וועט זיך בקרוב שטארקן און ווערן צוריק געזונט און שטארק! דער זון איז געווען פרייליך און צומישט אויף איין מאהל, פון איין זייט האט ער געהערט אזעלכע קלארע דיבורים פונעם "חוזה", אבער ער איז נאך געווען אביסל באזארגט וואס עס טוט זיך ביים טאטן,

געוועגטלאך פלעגט ער שוין בלייבן ביים רבי'ן עטליכע וואכן צו זיין בצל קדשו און אריינכאפן אין זיך הויפנ'ס פון תורה און חסידות, אבער יעצט האט ער זיך געמוזט געזעגענען פון זיין הייליגן רבין און שנעל אהיים פארן צו זיין מיט זיין טאטע, און דער חוזה האט זיך ווארעם געזעגנט און אנגעוואונטשן אז דער טאטע זיינע זאל איינגיכן ווערן אין גאנצן געזונט, און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג אהיים קיין פשעווארסק.

די גאנצע וועג פון לובלין קיין פשעווארסק איז דער זון געווען אומגעדולדיג און מתפלל געווען פארן געזונט פון טאטן, און ווי נאר דער וואגן איז אנגעקומען לעבן שטאט פשעווארסק האט דער זון גענומען נאך פרעגן ביי די פוס גייער'ס, וואס זיין טאטע מאכט? די מענטשן האבן אים אנגעקוקט מיט גרויס וואונדער, פארוואס ער איז אזוי באזארגט אויף זיין טאטנ'ס געזונט! און אלע האבן געענטפערט אז זיין טאטע, דער רבי, איז געזונט, און איז ער געווען דעם שבת ביים דאווענען אין שוהל ווי געוועגטלאך, און אים גארנישט געפעלט!

ווען דער זון איז נאר אריינגעקומען צום טאטן אין צימער האט זיך דער טאטע גאר שטארק געוואונדערט און אים באלד געפרעגט, וואס האסטו זיך אזוי געיאגט אהיים צוקומען, און נישט געבליבן לענגער אין לובלין אזוי ווי אלעמאל ווען דו בלייבט'ס דארט עטליכע וואכן! בפרט ווען עס איז נישט גרינג אזא נסיעה צום רבי'ן קיין לובלין, און אז דו ביסט שוין יא אנגעקומען אהין האסטו געדארפט בלייבן א לענגערע צייט, און נישט באלד כאפן און אהיים קומען?

דער זון האט נישט געענטפערט נאר אויסגעשריגן, טאטע! ווי אזוי פילסטו זיך אין געזונט? "ב"ה פיין" האט דער טאטע געענטפערט, האט דער זון ווייטער געפרעגט, זאג מיר דעם אמת וואס האט מיר דיר פאסירט דעם פרייטאג צו נאכטס בערך צען אזייגער? ווייל פון רבינ'ס ווערטער האב איך פארשטאנען אז עפעס האט מיט דיר פאסירט, און טאקע דערפאר האב איך זיך יעצט אזוי געיאגט אהיים? ווען דער טאטע האט דאס געהערט איז ער געבליבען שטיין פארוואונדערט און האט געזאגט יעצט זעה איך אז דער צדיק האט מרגיש געווען דארט ביים אים אין שטאט אלעם וואס עס האט זיך מיט מיר אפגעשפילט יענע נאכט!

און ער גענומען דערציילן, זאלסט וויסן אז אזוי ווי פרייטאג צו נאכט'ס איז דאך די ענדע פון די וואך, און א מענטש דארף מאכן א חשבון הנפש וואס ער האט אפגעטאן, און ווי האט ער זיך אויפגעפירט די וואך, און ווען איך האט געמאכט א חשבון הנפש נאכן סעודה איז מיר געווארן שלעכט אויפן הארץ, איך בין געווארן פול מיט חרטה ביז דאס האט אנגערירט מיין הארץ און האב געפילט אז איך בין אין א סכנה, דאס לעבן גייט פון מיר ארויס רח"ל, אבער קיינער איז נישט געווען אין הויז מיר צו דערמינטערן.

איך האב נישט געקענט שרייען נאך הילף ווייל עס איז מיר אוועקגעגאנגען דעם כח הדיבור, האב איך מיך דערמאנט אז אויפ'ן טיש ליגט א פלעשל בראנפן וואס איז אנגעגרייט פאר קידוש פאר מארגן בייטאג, האב איך באשלאסען צו נעמען אביסל בראנפן און מיר ארויפגיסן אביסל אויפ'ן פנים און אריין נעמען אביסל דערפון אין מויל כדי זיך צו דערמינטערן. איך האב אבער נישט געהאט קיין כח צו צוגיין אפילו נאר ביז צום טיש, ביז איך בין געפאלן אויף אן המצאה און האב מיך אווארף געטוהן אין די ריכטונג פון טיש און לויט ווי דו דערציילסט איז דאס טאקע געווען דעם רבי'ן'ס כח אז איך בין געפאלן ביז צום טיש און געקענט נעמען דעם בראנפן, ב"ה דאס האט געהאלפן און צוביסלעך בין איך געקומען צו זיך, און ביז אינדערפרי בין איך שוין געווען אינגאנצן געזונט און שטארק אז איך האב שוין געקענט גיין דאווענען אין בית המדרש, דאס אלעם האט דער רבי פון לובלין געזען מיט זיינע הייליגע אויגן און טאקע אין זיין זכות בין איך ניצול געווארן!

דער הייליגער מנחת אלעזר דער מונקאטשער רבי זיע"א (געברענגט אין ספר דרכי חיים ושלום וועגן דעם סיפור) פלעגט אויספירן אויף די מעשה, אז אויב א צדיק וואס פירט זיך א גאנצע וואך בקדושה וטהרה, און טראץ דעם האט ער געהאט אזא חרטה אז ער איז צוגעקומען ממש צו סכנת נפשות, הלואי וואלטן מיר זוכה געווען צו אזא חרטה כאטש איינמאל א יאר, ערב יום הקדוש. זיע"א


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עס איז א שיינע מתנה***

סעט מחזורים אשכנז דפוס זיטאמיר מצט טוב ושלם $3800 תיקון ליל שבועות סלאוויטא תקפ"ז נדיר חסר דף האחרון $3800, 3 ספרים שייך לבעל מקדשי ה' וויטצן $900, תיקוני זוהר דפוס זיטאמיר $1500, קבלה עם ברכת וחתימת הגה"ק ר' יעקב ארי' מטריסק $400, ספר אוהל יצחק שייך להרה"ק ר' יוחנן מטאלנא $600, ספר וואס האט באלאנגט פארן אפסי ארץ פון נאנאש $2000, ספר וואס האט באלאנגט פארן ווישיווא רבין רב מנחם מענדל $1500, צוויי ספרים אויף ר' יצחק אלחנן געדרוקט דורך ר' יעקב ליפשיץ ווארשא תרנ"ז וואס האבן באלאנגט צו הגה"צ ר' אביגדור מיללער $800, ספר שערי חיים וואס הרה"ק ר' דוד יהודה פריינד פון סאסרעגען האט געגעבן צום קראסנא רב א מתנה און ער האט געחתמ'ט $750, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, 6 ספרי ראזדין דפו"ר בית יעקב ויקרא, דברים, סוד ישרים ג שנים, תפארת החנוכי $3000, ספר פרקי דרבי אליעזר עם שתי חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר' פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא,, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, און נאך גדולים.

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30 To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday *WWW.SEFORIMWORLD.COM*

מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט

איר קענט באקומען א רשימה פון אונזער אלטע ספרים און בריוו אויף אימייל